# אהרן צייטלין ז״ל

## פֿון אליִעזר וויזעל

אַרן צייטלין האָט געגלייבט אַז דער מלאך-המוות האָט נישט קיין שליטה איבערן מענטש, וואָס איז, אין זײַן מהות, אומשטערבלעך. ער האָט דער דאָזיקער טעמע געווידמעט צוויי וויכטיקע, וואָגיקע ביכער. לויט זײַן צוגאַנג לעבן די טויטע אויף יענער וועלט און האַלטן אָן אפֿילו אַ קאָנטאַקט מיט אונדזערער. זיי רעדן, זיי מאָנען, זיי וואָרענען. די צרה איז אָבער, וואָס די לעבעדיקע זענען צו פֿאַרנומען מיט נאַרישע, עולם-הזשדיקע ענינים כּדי צו פֿאַרשטיין די שפּראַך פֿון עולם האמת. די גאַנצע פּאַראַפּסיכאַלאָגישע וויסנשאַפֿט באַווײַזט, אַז ס׳איז טאַקע אַזוי. גאָט האָט דעם מענטש נישט באַשאַפֿן כּדי אים צו טייטן. דער טויט איז בלויז אַן איבערגאַנג: אויף יענער זײַט פֿלויט איז אַן אַנדערע וועלט פֿאַראַן, אַ וועלט וווּ אַלצדינג איז אמת און קודשדיק, וווּ אַלצדינג איז אייביקייט.

איז זאָל זײַן, רב אַרן, אַז איר זענט גערעכט. פֿאַרוואָס זשע, זאָגט מיר, כ׳בעט אײַך, פֿאַרוואָס זשע איס דאָס האַרץ אַזוי צעבראָכן בײַ אײַער לוויה?

כ׳דערמאָן זיך אין אונדזערע געשפּרעכן, וואָס זענען גיכער געווען שפּאַנענדיקע מאָנאָלאָגן: איך האָב ליב געהאַט, אין זײַן מחיצה, נישט צו זײַן עפּעס אַנדערש ווי אַ צוהערער.

אין אָנהייב פֿלעג איך אים בעטן ער זאָל מיר דערציילן זכרונות פֿון זײַן פֿאָטער ר׳ הלל צייטלין ה[שם]י[קם]״ד[עמו]: די לעגענדאַרע פֿיגור, וואָס האָט באַלויכטן דאָס וואַרשעווער ייִדנטום.

ס׳דאַכט זיך מיר, אַז כ׳האָב וועגן דאָזיקן קדוש געלייענט אַלצדינג, וואָס ס׳איז פֿאַראַן אין דרוק. ער האָט מיך לאַנגע יאָרן געהאַלטן ממש ווי צוגעשמידט צו זײַן געשטאַלט: דער פֿאַרויסזעער, דער פֿאַרויסזאָגער, דער מקונן, דער דענקער, דער וועקער, דער טרייסטער און, צום סוף, דער מאַרטירער וואָס איז געגאַנגען צום טויט אין תּלית אײַנגעהילט און מיטן זוהר אונטערן אָרעם....

ווען דער גרויסער זון פֿלעגט רעדן וועגן זײַן גרויסן פֿאָטער, פֿלעגט אַ מאָדנע פֿײַערל זיך אָנצינדן אין זײַנע בלויע אויגן: ״יאָ, מײַן טאַטע איז געווען, געווען....״

איצט, טײַערער רב אַרן, וועט מען זאָגן: ״דער זון איז געווען, געווען....״

וואָס איז אַרן צייטלין אַלץ נישט געווען? אַזאַ פֿילזײַטיקן טאַלאַנט האָט די ייִדיש-העברעיִשע ליטעראַטור ביז אים -- און אויסער אים -- נישט פֿאַרמאָגט.

ער האָט פֿאַרפֿאַסט דראַמעס און פּאָעמעס, קלאָג-לידער און הומאָרעסקעס, פֿילאָזאָפֿישע עסייען און ליטעראַרישע אָפּהאַנדלונגען; ער האָט באַהערשט פֿרעמדשפּראַכיקע קולטורן געניי ווי די אייגענע; ער האָט ציטירט מאמרי-חז״ל און חסידישע ווערטלעך און גלײַכצײַטיק דערמאָנט עפּעס פֿון אַ סאָקראַטעס אָדער אַ שאָפּנהויער....

פֿונדעסטוועגן האָט ער באַוויזן זײַן סטיל נישט צו באַלעסטיקן מיט זײַנע קענטענישן. פּונקט פֿאַרקערט: זײַן שרײַבן איז געבענטשט מיט פּשטות, וואָס איז דער הויכפּונקט פֿון קונסט.

פֿאַראַן שרײַבער ראשים און פֿאַראַן שרײַבער צדיקים; רב אַרן האָט געהערט צו דער צווייטער קאַטעגאָריע. ער איז פּשוט אומפֿייִק געווען אַרויסזאָגן אַ שלעכט וואָרט וועגן דעם אָדער יענעם קאָלעגע. נאָך מער: ער האָט אפֿילו וועגן דער ערשטער קאַטעגאָריע קיין שלעכטס נישט געקאָנט זאָגן.

שעהען-לאַנג פֿלעגן מיר זיצן אין דער קיך פֿון זײַן דירה, אויף ריווערסײַד-דרײַוו, און ער פֿלעגט דערציילן מעשׂהלעך פֿון אַמאָל, אַנאַליזירן די געשעענישן פֿון טאָג, פֿאָרמולירן חידושים וועגן דער פּרשה פֿון דער וואָך, אויפֿמישן אויטאָביִאָגראַפֿישע דערינערונגען -- און דאָס אַלץ אָן לשון-הרע, אָן רכילות.

נאָך מער: אָן ביטערניש. אפֿילו ווען ער פֿלעגט שילדערן זײַנע סאַמע ערשטע איבערלעבונגען אין אַמעריקע, זײַן איינזאַמקייט בשעת די מלחמה-יאָרן, זײַן אומעט און זײַן טרויער פֿון יענער טקופֿע, אפֿילו דעמאָלט פֿלעגט ער אויך זיך אויסדריקן מיט אַ געלעכטערל: ער האָט בשום-אופֿן נישט געוואָלט מישפּטן. כ׳הער נאָך איצט זײַן שטים: ״כ׳בין מיט זיך אַליין נאָך נישט פֿאַרטיק געוואָרן....כ׳פּרוביר נאָך אַלץ דערגיין צום סוד פֿון מײַן לעבן. פֿאַרוואָס האָט פּונקט מיך דער תּליון אויסגעמיטן -- פֿאַרוואָס מיך און נישט אַנדערע, וואָס זענען געווען פֿיל ערלעכער און פֿיל בעסער ווי איך?....״

נאָר ווען מיר פֿלעגן אָנרירן דאָס קאַפּיטל פֿון חורבן, פֿלעגט זײַן פֿילאָסאָפֿישע שאַלוועדיקייט זיך פֿון אים אָפּטאָן, זײַן פּנים פֿלעגט זיך צעפֿלאַקערן. ״אַרעלע, באַרויִק זיך....טאָרסט נישט....״ -- פֿלעגט רחל צייטלין, מיט צאַרטקייט און ליבשאַפֿט, זיך מיט אים אויסטענען. ״דאָקטוירים האָבן באַפֿוילן....דײַן האַרץ....״ און כ׳הער נאָך איצט זײַן ענטפֿער: ״וואָס ווייסן די דאָקטוירים וואָס ס׳טוט זיך בײַ מיר אין האַרץ?״

פֿליִען איצט שטיקער מחשבֿות דורכן מוח, די שול איז כּמעט ווי פֿול. רבנים און שרײַבער מאַכן הספּדים אויף העברעיִש, ענגליש און ייִדיש. כ׳הער זייערע ווערטער, אָבער כ׳הער נאָך מער -- מיט מײַן אינערלעכן אויער -- די שטים פֿון רב אַרן אַליין.

״ניין,״ זאָגט ער, ״די מיליאָנען קדושים זענען נישט אומגעקומען : זיי לעבן ערגעץ-ווּ און קוקן אויף אונדזער מענטשהייט מיט אָפּשײַ....״ ווײַטער : ״פֿאַרוואָס האָט דער גורל מיך אויסגעמיטן? כּדי כ׳זאָל קענען אַרויסגעבן מײַן טאַטנס כּתבֿים....״ אַן אַנדער מאָל : ״אַ ייִד, וואָס פֿאַרמאָגט נישט קיין אהבֿת- ישׂראל, איז קיין מענטש נישט....״

זאָל זײַן, רב אַרן, אַז איר זענט גערעכט. זאָל זײַן, אַז דער טויט איז קיין מאָל נישט דער זיגער. אויב אַזוי, פֿרעג איך אײַך, פֿאַרוואָס איז דאָס האַרץ אַזוי צעבראָכן גייענדיק נאָך אײַער אָרן אין מיטן גאַס? צי איז עס ווײַל איר זענט געווען דער לעצטער צייטלין? צי איז עס ווײַל מיט אײַך איז אַוועק מער ווי דער יחיד אַליין?

מיט שטומע בליקן און געבויגענע קעפּ גייען אײַערע פֿרײַנט און תּלמידים נאָך אײַער אָרן -- און ס׳דאַכט מיר, אַז זיי ווערן נישט אויפֿהערן צו גיין אַזוי אַ לאַנגע, לאַנגע צײַט.

Transcription: Leah Krikun
Conversion: Refoyl Finkel
Copyediting: Leonard Prager
Mirl Schonhaut-Hirshan
Noyekh Miller